ספרי' — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

מרת **חנה** ע"ה ז"ל

**אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל**

## מוהר"ר ר' לוי יצחק

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו"ר מנחם מענדל

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב

את בניו; ואילו ביחס לאנשים צעירים, ובמיוחד ילדים — ננקטו אמצעים חמורים כדי להבטיח שהשפעתו לא תגיע אליהם, ושלא יימצאו בחברתו.

הצעירים, מצדם, הרגישו טוב מאוד בחברתו, והקשיבו בעניין רב לכל דבריו.

מלבד ילדים אחדים שקיבלו חינוך דתי, היו גם שלושה ילדים — תלמידים בבית־הספר הסובייטי, שקיבלו חינוך אנטי־דתי בכל מאת האחוזים — שנקשרו אליו כל־כך, עד שדרשו בתוקף מאמם שתספק להם אוכל כשר, ופשוט לא אכלו מהמאכלים שהוכנו בבתיהם. הדבר היה מסובך למדי, שכן קצבת המזון שחולקה על־ידי הממשלה כללה בשר טריפה וכדומה.

גם בבית־הספר החלו ילדים אלו לשמור שבת, ולא כתבו בשבת — דבר שהזיק להם מיד בלימודיהם, ובעיקר במבחנים. בשבת בבוקר נהגו ילדים אלו דרך קבע לבוא לבית־הספר כדי להירשם שם, ומיד ללכת לבית־המדרש אל הרב, ושם שהו במשך כל היום.

היו אלה ילדים מלנינגרד שפונו לשם.

**Reshimas Zichronos**

Kesuvim bidei Harabanis Hatzidkanis
Maras Chana

Installment 19

Published and Copyrighted © 2012
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

של ממש, בעלת תנאי חיים סבירים כמו חשמלית עירונית וכדומה — השפיעה מאוד על מצב רוחנו, לאחר ה"הקדש" שבו חיינו מספר שנים.

אחדים מתושבי העיר התכוננו לקדם את פנינו בתחנת הרכבת, אך הרכבת הגיעה, כרגיל, באיחור רב, ובנוסף לכך — רצוי היה שבואנו לעיר יהיה בחשאי ככל האפשר.

הובלנו אל ביתו של סולדובניקוב הצעיר[157], שיחסית לתנאי אותם ימים, ולסוג הדירות שהיו שם — חי בתנאים סבירים למדי. נכנסנו לביתו, ובמשך השעות הבאות הגיעו לבקרנו אנשים רבים. כל אלו שהתעניינו בשחרורו של בעלי — ובעיקר האחים רבינוביץ[158], שהשקיעו במלאכה כוחות אדירים, הן בממון והן מבחינת סכנת הנפשות שהיתה כרוכה בכך — שמחו שמחה גדולה ואמיתית.

סוף־סוף הרגיש בעלי שהוא נמצא בסביבה של בני־אדם שעמם יכול הוא לבלות לפי רוחו; אך הורגש בו גם שברון, פיזי ורוחני כאחד.

בשבת נערך "קידוש" ציבורי עם סעודה, ובעלי אמר דברי חסידות — דבר שלא התאפשר לו לעשות זה חמש שנים. אני עצמי לא הייתי שם, אבל ראיתי את ציבור השומעים מתהלך בהתפעלות רבה. הכל פחדו מפרסום רב מדי, והחלו בחשאי לתת מתנות לצורך "לא־יחרץ"[159].

בשבת הלך בעלי לבית־הכנסת, ונשא דברים בפני הקהל מעל הבימה — דבר שאיש לא עשה באותם ימים, משום שבכל דרשה ברבים היו השלטונות מוצאים סימנים של "אנטי־מהפכנות". למעשה היה זה אחד מהחטאים שבגללם הוגלה בעלי. אך הוא כלל לא התחשב בכך.

### השפעה על מבוגרים וצעירים

הציבור נמשך אחרי בעלי מתוך הדרת־כבוד גדולה ומסירות רבה.

בביתנו — הדירה ששכרנו באופן זמני — היה עלינו להיזהר מאוד בעניין זה, כדי שלא תחול עלינו "עין הרע" הבולשת תמיד של בעל־הבית, ושלא יספור את כמות האנשים המגיעה לבקרנו. לאחר עמל רב של ידידנו הטובים עלה בידינו הדבר.

וכך, בשעות היום, ועד לשעה מאוחרת למדי בלילה — היה ביתנו מלא ביהודים מבוגרים, ומי מהם שהיו לו ילדים — היה מביא אתו גם

---

157) ר' מרדכי ב"ר שמואל יעקב סולודובניקוב. אשתו היתה מרת מוסיא בת החסיד ר' אליהו חיים אלטהויז (הנ"ל עמ' 000 ובהערה 146). וראה "תולדות לוי יצחק" ח"ב ע' 689.

158) ראה לעיל ע' 000.

159) דמי שתיקה — בהשאלה מלשון הכתוב (בא יא, ז) "לא יחרץ כלב לשונו".

ב"ה.

## פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת יט של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

יום ההילולא כ"ב שבט, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

## דער רב מיט דעם שרייבער

איך האָב היינט[307] איבערגעלייענט אין בלאַט, אַז מען האָט דעם שרייבער פּרץ מאַרקיש[308], פאַרשיקט ערגעץ אין רוסלאַנד, און מען ווייסט ניט וואוהין. האָט דאָס מיר דערמאָנט אויך פון מיין מאַן'ס ז"ל לעבן.

אין 37'סטן יאָר, איז ביי אונז אין שטאָט נפטר געוואָרן דער פאָטער[309] פון דעם שרייבער. דער אַלטער איז געווען אַ בן תורה, און איז געווען אַן אַריינגייער צו אונז אין שטוב. פאַר זיין טויט, האָט ער אָנגעזאָגט אַז מיט זיין קבורה זאָל מען טאָן אַלץ ווי דער רב שניאורסאָהן וועט הייסן.

בעת מען האָט מודיע געווען דעם זון, ד.ה. אָט דער שרייבער פּרץ מ. פון דעם, איז ער געקומען מיט זיין שוועסטער, וועלכע איז געווען אַ סעקרעטאַרן. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ „אָרדען ליענינאַ"[310] , צו אים אין שטוב האָט מען שוין ניט אַריינגעלאָזט אָן אַן ערלויבעניש. אין יענער צייט איז ער געווען איינער פון די גרויסע מענטשן אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

אַזוי ווי דער פאָטער איז געווען אַ רעליגיעזער, האָט ער זיך אין קיין זאַך נישט געמישט, און האָט נישט געוואָלט מען זאָל וויסן אַז ער איז דאָ אין שטאָט. נאָר זיין שוועסטער די סעקרעטאַרן, וואָס איז אויך געווען אַ פּאַרטיינא, איז געקומען צו אונז מיט דער שוועסטער ביי וועמען דער נפטר האָט געוואָוינט, און האָבן איבערגעגעבן פון דעם נאָמען פון דעם שרייבער, אַז פּערזענליך קען ער זיך מיט דעם רב ניט זען,

307) בעת כתיבת הרשימה, בשנת תש"ט.

308) סופר אידי מפורסם (תרנ"ו־תשי"ב). בשנת תש"ט נעצר ע"י השלטונות הסובייטיים, יחד עם עסקנים ואנשי רוח יהודיים נוספים, באשמת אי־נאמנות לשלטון, והוצא להורג בליל כ"ב מנחם־אב תשי"ב יחד עם עוד שנים־עשר מהעצורים. ראה גם „תולדות לוי יצחק" ח"ג ע' 966 ואילך.

309) ר' דוד.

310) מסדר לנין (עיטור הכבוד הגבוה ביותר בברית־המועצות).



נוצרה המולה ניכרת. כל אחד ביקש שבעלי יספר לו דבר־מה, שאל לעצותיו, ביקש את ברכותיו, וסירב להיפרד ממנו. הכל בלעו ברעבתנות את מילותיו.

מנהל המאפייה הממשלתית שלח לנו כיכר לחם גדולה, קילוגרמים אחדים משקלה. הרי היינו שלושה אנשים, והיתה זו נסיעה בת ימים אחדים.

אין שונא גדול מהרעב; ולכן, משהובטחנו בלחם כל צרכנו — נעשינו רגועים יותר.

## המסע לאלמא־אטא

הסתדרנו במקומותינו ברכבת. המשימה העיקרית היה להסתיר את בעלי, כדי שימעטו ככל האפשר לראותו, וכך ימעטו ככל האפשר לשאול אותו שאלות בדבר רשיונות הנסיעה שלו.

לפנות־בוקר, משהאיר היום, עלה בידה של שֶׁבַע לשכנע את ה"פרובודניק" (הממונה על הרכבת) שיניח לבעלי להיכנס לתאו, כדי שיוכל להתפלל שם.

לאחר־מכן החלו לרדת ממקומותיהם צעירים מפולין, וכן שני סטודנטים יהודים מווילנא שעבדו עבודה שחורה באחת הערים שבדרך נסיעתנו. כולם התרכזו מיד סביב בעלי, והחלו להתנהל דיונים בנושאים שונים ומשונים — בלמדנות, במתימטיקה, ובשאלות מכל המינים. זה כמה שנים שעזבו את בתיהם — אמרו — ומעולם לא פגשו אדם שכזה. עוד בלילה הם שמעו בעניין רב את שיחות הפרידה שקיים.

מאז ועד שהיה עליהם לרדת מהרכבת בתחנות השונות — לא עזבו את בעלי ולו לרגע אחד, וכשהיה עליהם לרדת — נפרדו ממנו ביראת־כבוד גדולה.

כך המשכנו בנסיעתנו.

לבושו של בעלי היה פשוט מאוד, כדי שלא ישימו לב אליו. באחת התחנות הבחין בו יהודי מיקטרינוסלב, שהכיר אותו בקושי רב, וביקש במפגיע שבעלי ישוב אליהם לעירם. אך הדבר היה מן הנמנעות.

## ימים ראשונים באלמא־אטא

ביום חמישי בשבוע[156] הגענו לאלמא־אטא. עצם המחזה של עיר

156) כ"ז ניסן תש"ד.

העניינים הכרוכים בכך התקיימו על כל פרטיהם בצורה הטובה ביותר (ככל שהתאפשר באותם ימים), גבה בעלי מילדיו של המנוח גם סכומים גדולים להחזקת מוסדות התורה — לימוד תורה עם ילדים ופעולות דומות נוספות, שהתנהלו במחתרת מתוך מסירות־נפש.

עוד באותו לילה עזבו הסופר והמזכירה את העיר, ואיש מתושבי העיר לא ידע על ביקורם.

## יציאת ציאילי

בחול־המועד[154] פסח, לאחר שפע של ייסורים ועגמת־נפש, קיבלו סוף־סוף השלטונות החלטה להנפיק עבורנו את מסמכי הנסיעה, ואחרי חג הפסח התחלנו כבר במלאכת אריזת החפצים ובסידור כל העניינים הנחוצים. גם בכך עזרה לנו שֶׁבַע מאוד.

היה עלינו לקחת עמנו כל חפץ שברשותנו, קל־ערך ככל שיהיה, ביודענו שבמקום שאליו נגיע — יהיה מקום זה אשר יהיה — לא נוכל להשיג חפצים חדשים. כך הצטבר משקל רב יותר מכפי שהותר לנו להוביל עמנו. ואכן, בשעת הנסיעה התחוללה מהומה רבה גם על עניין זה, ובאמצעות אחד ממכרינו, בתוספת בקבוק יי״ש, עבר הדבר בשלום.

באישון לילה יצאנו, בחושך כמובן, אל תחנת הרכבת. בשעת ההליכה היה בעלי כה חסר־מנוחה, עד שנפל ארצה תוך־כדי הליכה.

כדי לסייע באריזת החפצים הגיעו לביתנו שני צעירים מן המפונים. משנודע לבעלי שאחד מהם הוא כהן[155], הורה להם לחבוש את כובעיהם, נעמד מולם וביקש שיברכוהו בברכת כהנים. אנשים אלה לא היו שכירים, מאלה שעבודתם משולמת מראש, והם עשו זאת מתוך מסירות מיוחדת במינה, כשהם הוגים כל ברכה ברגש רב, בכל לבם ומאודם.

לבית־הנתיבות הגיעו מספר ניכר של אנשים, שנודע להם על נסיעתנו. אחדים ניגשו אל בעלי בדמעות וביקשו שיברכם.

במקום שרר חושך — לא היתה כל תאורה בבית־הנתיבות — ועם זאת שהו שם האנשים מהשעה שמונה בערב עד שתיים לפנות־בוקר, שעת עזיבתה של הרכבת.

כשנכנסנו לרכבת היו כל הנוסעים שקועים כבר בשינה, אך בגללנו

154) מכאן ואילך — המשך הרשימה דלעיל (ע׳ 000).

155) ר׳ יעקב הכהן קפלן ממינסק (ראה תולדות לוי יצחק ח״ב ע׳ 610 ואילך; ע׳ 693 ואילך).



נאָר דער רב זאָל וויסן, אַז ניט קוקנדיק אויף זיינע „אידייעס״[311], מיט דעם אָרט וואָס ער פאַרנעמט, שאַצט ער זייער הויך און באַציט זיך מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד צו שניאורסאָהן אַלץ מענטש.

פון זיך פּערזענליך, און נאָך די בריף וואָס דער פאָטער האָט אים אָפּט געשריבן, האָט אויף אים געמאַכט אַ רושם.

וואָס איז שייך צום פאָטער, האָט ער איבערגעגעבן אַלץ מיט דער סעקרעטאַרן, נאָר ער בעט, אַז מען זאָל וואָס ווייניקער רעדן וועגן דעם.

אַ חוץ וואָס די קבורה מיט דעם אָרט, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן, זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם שענסטן אופן אין יענער צייט, אין אַלע פּרטים — האָט מען באַ זיי גענומען גרויסע סכומים אויף מוסדות־התורה — לערנען מיט קינדער און נאָך אַזעלכע זאַכן — וואָס מען האָט געטאָן מיט מסירת־נפש באַהאַלטענערהייט.

די אייגענע נאַכט איז דער שרייבער מיט דער סעקרעטאַרן אַוועקגעפאָרן, און קיינער אין שטאָט האָט פון דעם ניט געוואוסט.

* * *

## דעם פּאַקן און דער געזעגענען זיך

חול[312] המועד פסח, נאָך אַ סך יסורים מיט ערגערן זיך, האָבן זיי שוין געהאַט אַ החלטה אויף אַרויסגעבן די פּאַפּירן אויף פאָרן, און נאָך פּסח האָבן מיר שוין אָנגעהויבן פּאַקעווען די זאַכן, און ליקווידירן וואָס מען האָט געדאַרפט. דאָס האָט אויך שֶׁבַע אַ סך געהאָלפן.

יעדער קלייניקייט, האָט מען געדאַרפט פירן מיט זיך, ווייל אויף וואָס פאַר אַן אָרט מיר זאָלן קומען, קען מען קיין נייע ניט קויפן.

עס האָט זיך צונויפגעקליבן מער וואָג ווי מען האָט געהאַט רעכט צו פירן. בעת מעשה, איז מיט דעם געווען אויך אַ סך טומל, און דורך אַ באַקאָנטן מיט אַ בוטל יי״ש איז דאָס דורכגעגאַנגען.

311) דעות.

312) מכאן ואילך – המשך הרשימה דלעיל (ע׳ 000).

שפּעט בײַנאַכט, אין דער פינצטער געווײנליך, זײנען מיר אַוועק צום באַן־הויף. גײענדיק, איז ער געווען אַזוי ניט רואיק, אַז ער איז געפאַלן גײענדיק.

אײנפּאַקן די זאַכן, זײנען געקומען צווײ עוואַקואירטע יונגעלײט. ער האָט זיך דערוואוסט אַז אײנער פון זײ איז אַ כהן, האָט ער זײ געהײסן אָנטאָן די היטלען, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט, און געבעטן זײ זאָלן אים בענטשן מיט אַ ברכת כהנים. דאָס איז געווען ניט קײן געדונגענע מענטשן, פאָרגעצאָלט, און האָבן דאָס געטאָן מיט אַ מאָדנער געטרײשאַפט. יעדער ברכה אַרויסגערעדט מיט דעם גאַנצן האַרצן.

צום וואַקזאַל זײנען געקומען היפּש עטליכע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוואוסט פון דעם אַוועקפאָרן. געקומען עטליכע, מיט טרערן געבעטן ער זאָל זײ בענטשן.

עס איז געווען פינצטער, קײן באַלײכטונג אויף דעם וואַקזאַל איז ניט געווען, און די מענטשן זײנען געווען פון אַכט אַ זײגער ביז צווײ אַ זײגער, ווען דער צוג איז אַוועק.

די אַלע פּאַסאַזשירן זײנען שוין געשלאָפן, פון אונז איז געווען גאַנץ טומלדיק. יעדערער האָט געבעטן „ער" זאָל זײ עפּעס דערצײלן, געפרעגט עצות, געבעטן ברכות, און ניט געוואָלט זיך שײדן מיט אים. זײ האָבן געשלונגען זײנע ווערטער.

דער פרינציפּאַל פון דער מלוכה בעקערײ, האָט צוגעשיקט אַ גרויסן ברויט פון עטליכע „קילאָ". מיר זײנען דאָך געווען דרײ מענטשן, און דאָס איז געווען אַ נסיעה פון עטליכע טעג.

עס איז ניטאָ אַזאַ שונא ווי דער הונגער, דערפאַר, אַז מען איז געווען פאַרזיכערט מיט לחם, איז דאָס געווען רואיקער.

* * *

## די נסיעה

מיר האָבן זיך אײנגעאָרדנט מיט די ערטער. דער עיקר איז געווען



## הסופר פרץ מארקיש וקשריו עם הרב

היום[150] קראתי בעיתון שהסופר פרץ מרקיש[151] הוגלה למקום כלשהו ברוסיה, ואיש אינו יודע לאן. ידיעה זו הזכירה לי גם עובדה מחייו של בעלי ז"ל.

בשנת 1937 נפטר בעירנו אביו[152] של הסופר. היה זה יהודי מבוגר, בן־תורה, שנמנה על המבקרים בקביעות בביתנו. לפני מותו ציווה שכל ההליכים הקשורים בקבורתו יתבצעו על־פי הוראותיו של הרב שניאורסון.

כשהודיעו לבנו של הנפטר — דהיינו הסופר הנ"ל, פרץ מ. — על פטירת אביו, הגיע לעיר יחד עם אחותו, מזכירה במקצועה. באותה תקופה הוענק לו כבר עיטור הכבוד של "מסדר לנין"[153], ולא הותר לבקרו בביתו ללא אישור מיוחד. הוא היה אז אחד האישים החשובים בברית־המועצות.

מאחר שאביו היה שומר תורה ומצוות, הוא לא התערב בשום דבר מהליכי הקבורה, ולא רצה שייוודע על נוכחותו בעיר. אבל אחותו המזכירה — אף היא חברת מפלגה — הגיעה לביתנו, יחד עם אחות נוספת שבביתה התגורר הנפטר, ומסרה בשמו של הסופר שאמנם באופן אישי נבצר ממנו להיפגש עם הרב, אבל רצונו שהרב יידע שמבלי הבט על דעותיו ועל מעמדו, מעריך הוא מאוד את שניאורסון כאדם, ומתייחס אליו ביראת־הכבוד הגדולה ביותר. כל זאת מהתרשמות אישית, ובנוסף לכך — המכתבים שאביו היה כותב לו לעתים קרובות עשו עליו רושם רב.

בכל הנוגע לקבורתו של אביו — הוא מסר את כל הדרוש לכך באמצעות המזכירה, אך ביקש שימעטו לדבר על הנושא.

נוסף על כך שהקבורה עצמה, רכישת מקום הקבורה ושאר

150) בשנת תש"ט, זמן כתיבת הרשימה.

151) סופר אידי מפורסם (תרנ"ר־תשי"ב). בשנת תש"ט נעצר ע"י השלטונות הסובייטיים, יחד עם עסקנים ואנשי רוח יהודיים נוספים, באשמת אי־נאמנות לשלטון, והוצא להורג בליל כ"ב מנחם־אב תשי"ב יחד עם עוד שנים־עשר מהעצורים. ראה גם "תולדות לוי יצחק" ח"ג ע' 966 ואילך.

152) ר' דוד מרקיש.

153) עיטור הכבוד הגבוה ביותר בברית־המועצות.

געשריבן אין שבת, וואָס האָט זיי גלייך געשאַדט אין דעם לערנען, און דער עיקר ביי די עקזאַמענעס.

שבת אינדערפרי, פלעגן זיי, סיסטעמאַטיש, גיין אין סקול און רעגיסטרירן זיך, און גלייך אַוועק אין בית־המדרש צום רבֿ, וואו זיי זיינען געווען דעם גאַנצן טאָג. דאָס זיינען געווען ליעבינגראַדער קינדער, וואָס האָבן זיך אַהין עוואַקואירט.

* * *



„אים" צו באַהאַלטן, מען זאָל אים ווייניקער זען, און וואָס ווייניקער מאַכן אים שאלות וועגן די דאָקומענטן וואָס ערלויבט אים צו פאָרן.

אַז עס איז געוואָרן ליכטיק, פאַרטאָג, האָט שֶבַע דורכגעפירט מיט דעם פראָוואָדניק (באַן אָנגעשטעלטער), ער זאָל אים אַריינלאָזן צו זיך אַז ער זאָל דאָרט קענען אָפּ־דאַוונען.

דערנאָך, האָבן אָנגעהויבן אַראָפּ פון זייערע ערטער פוילישע יונגעלייט, און אויך צוויי אידישע סטודענטן פון ווילנא, וועלכע האָבן געאַרבעט שוואַרצע אַרבעט אין אַ שטאָט אויף דעם וועג וואָס מיר האָבן אויך געדאַרפט דורכפאָרן.

אַלע האָבן זיך גלייך לעבן „אים" אַרומגערינגלט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַלע־ערליי וויכוחים, לומדיש, מאַטימאַטיקא, און אַלע מינים שאלות. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען שוין עטליכע יאָר פון דער היים, און האָבן אַזעלכע מענטשן ניט געזען.

זיי האָבן נאָך געהערט מיט גרויס אינטערעס דעם געזעגענען זיך ביינאַכט, און ביז זיי האָבן געדאַרפט אַראָפּגיין אויף זייערע סטיישאַנס, זיינען זיי פון אים אויף איין רגע ניט אַוועק. מען האָט זיך מיט גרויסן יראת הכבוד געזעגנט.

מיר זיינען זיך ווייטער געפאָרן.

די הלבשה זיינע, איז געווען זייער געוויינליך, מען זאָל אים ניט באַמערקן. אויף דעם סטיישאָן, האָט אים דערזען אַ יעקאַטערינאָסלאַווער איד, וואָס האָט אים קוים דערקענט, און געבעטן שטאַרק ער זאָל פאָרן צוריק צו זיי אין שטאָט. דאָס איז געווען אויסגעשלאָסן.

* * *

## אַ שטאָט מיט אַ טראָמוויי

דאָנערשטאָג[313] זיינען מיר אָנגעקומען אין אַלמאַ־אַטאַ. דערזען אַ

313) ז"ך ניסן תש"ד.

שטאָט מיט אַ טראַמווייי וכדומה, דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקע ווירקונג נאָך דעם „הקדש" פון די עטליכע יאָר וואו מיר האָבן זיך געפונען.

מען האָט זיך געגרייט דאָרט אונז צו באַגעגענען, נאָר דער צוג, איז געוויינליך, אָנגעקומען מיט אַ גרויסן פאַרשפּעטיקונג. דערצו האָט מען געוואָלט אַז מען זאָל וואָס שטילער אַריין אין שטאָט.

מען האָט אונז אַריינגעפירט צו דעם יונגן סאָלאָדאָווניקאָוו[314], וועלכער באַ יענע באַדינגונגען מיט די וואָוינונגען, איז געווען גאַנץ גוט איינגעאָרדענט. מיר זיינען אַריין אין שטוב, איז פאַר אַ פּאָר שעה דורכגעגאַנגען אַ סך מענטשן. די אַלע וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער באַפּראַייאונג, און דער עיקר די אחים ראַבינאָוויץ[315], וועלכע האָבן געלייגט אומגעהאָרע כחות בממון און מיט סכנות נפשות פאַר דער אַרבעט. האָבן זיך מיט אַן אמת שטאַרק געפרייט. ער האָט זיך שוין געפילט אין אַ סביבה פון מענטשן מיט וועמען ער האָט שוין געקענט פאַרברייינגען לפי־רוחו, נאָר עס האָט זיך געפילט אַ צובראָכנקייט, אִי פיזיש אִי גייסטליך.

* * *

## זאָגן חסידות נאָך פינף יאָר

שבת האָט מען געמאַכט אַ קידוש מיט אַ סעודה און ער האָט געזאָגט חסידות, וואָס ער האָט דאָס שוין פינף יאָר ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו טאָן. איך בין דאָרט ניט געווען, נאָר איך האָב געזען דער עולם גייט אַרום מיט גרויס התפּעלות. פאַר דעם פּרסום האָט מען זיך געשראָקן, און מען האָט שוין שטילערהייט אָנגעהויבן געבן מתנות פאַר „אל־יחרץ"[316].

שבת איז ער געגאַנגען אין שול, און גערעדט פון דער „בימה" בקהל, וואָס דעמאָלט האָבן דאָס קיינער ניט געטאָן. ווייל אין יעדער

314) מרדכי ב"ר שמואל יעקב סאָלאָדאָווניקאָוו. אשתו מרת מוסיא בת החסיד ר' אלי' חיים אלטהויז הנ"ל ע' 000 ובהערה 296 — ראה „תולדות לוי יצחק" ח"ב ע' 689.

315) ראה לעיל ע' 000.

316) שוחד הניתן להעלים עין מעבירות על החוק. המקור לביטוי זה הוא השאלה מליצית מלשון הפסוק (בא יא, ז) „לא יחרץ כלב לשונו".



„דרשה" ברבים האָט מען געפונען קאָנטר־רעוואָלוציע. און דאָס איז געווען איינער פון זיינע חטאים פאַר וואָס מען האָט אים פאַרשיקט. ער האָט זיך אָבער אַבסאָליוט מיט דעם ניט גערעכנט.

דער עולם האָט זיך צו אים צוגעצויגן מיט אַ גרויסן הדרת־הכבוד און אַ שטאַרקע איבערגעגעבנקייט.

* * *

## די יונגט בינדן זיך צו אים

אין שטוב ביי אונז — וואָס מיר האָבן צייטווייליק גענומען — האָט מען אין דעם געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, מען זאָל ניט האָבן אויף זיך שטענדיק די עין־הרע, פון דעם בעל־הבית פון דער דירה, און מען זאָל ניט ציילן די מענטשן וואָס באַזוכן אונז. און דאָס האָט זיך מיט דער מי פון גוטע פריינט איינגעגעבן.

אַלזאָ, איז באַטאָג, און גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט געווען פול מיט עלטערע אידן, און ווער עס האָט געהאַט קינדער, פלעגט נאָך מיט זיך ברייינגען די זין אויך, און צו יונגע מענטשן, באַזונדער קינדער, האָט מען צוגענומען שטרענגע מיטלען אויף ניט צו לאָזן זיין השפּעה, און זיי זאָלן זיך ניט געפינען אין זיין געזעלשאַפט. און די יונגט, האָט זיך מיט אים זייער גוט געפילט, און האָט זיך מיט גרויסן אינטערעס צוגעהערט צו אַלץ וואָס ער האָט גערעדט.

אַ חוץ עטליכע אינגלעך וואָס האָבן געהאַט אַ רעליגיעזע ערציאונג, איז געווען אויך דריי אינגלעך — תלמידים פון דער סאָוועט־סקול, וועלכע האָבן זיך ערצויגן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט אַנטי־רעליגיעז — האָבן זיך אַזוי צוגעבונדן, אַז זיי האָבן געמאָנט ביי דער מוטער שטרענג כשר, און האָבן פּשוט ניט געגעסן פון די מאכלים וואָס איז געווען צוגעגרייט אין שטוב.

דאָס איז געווען גאַנץ קאָמפּלעצירט, ווייל דער „פּאַיאָק"[174] וואָס מען האָט באַקומען פון „מלוכה", איז געווען טריפה פלייש וכדומה.

אויך אין סקול זיינען די אינגלעך געוואָרן שומרי־שבת, און ניט